בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא**

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר, וְוִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?..........................................א

דַארְף אַ פְּרוֹי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלֶע הָאר?..........................................ג

וְוִי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן מֹחַ? ..............ד

וְוִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד? ..........................................................................ט

מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת בַּייְנַאכְט?..........................................יא

וָואס קֶען מֶען אַלְץ מְתַקֵן זַיין מִיטְ'ן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי"?..........................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען.......א

פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַלֶע אַייעֶרע חַבֵר'טֶעס דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן ........ב

דֶער גוֹי טָמֵא דַארְף אַייךְ נִישְׁט, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַייעֶר גוּטְס ...............ג

לָאז נִישְׁט אַנְדֶערֶע זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין לֶעבְּן..........................ד

אוֹיף דִי וָואס טוּעֶן, הָאט מֶען אַלְץ טַעֲנוֹת..........................ה

דַאנְקְט אוֹיף יֶעדְעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער ....ו

אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטָאמִין אוּן דִי בֶּעסְטֶע מֶעדְעצִין..................ו

כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..........................ז

אִיר זָאלְט זַיין "שְׁטָאלְץ" מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת ..........................ז

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע וֵוייטָאג וִוי אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן

אִידִישְׁן וֶועג ............ ח

מֶען דַארְף זִיךְ אִיבֶּער רֶעדְן מִיט אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן רָב ............ ט

נֶעמְט נִישְׁט גְרִינְג דִי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר ............ י

נִישְׁט וֵוי טוּן יֶענֶעם ............ י

דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט אִיר זֶען פִיל נַחַת. יא

רֶעד פוּן אֱמוּנָה, תְּפִלָּה אוּן גוּטֶע מִידוֹת, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת ............ יא

זָאגְן בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אַ פָּסוּק פוּנֶעם נָאמֶען ............ יג

עֵצוֹת אַיינְצוּשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט ............ יג

זַייט מְקָרֵב דִי וָואס זִיצְן אִין דִי זַייט אַיינְזַאם ............ יד

בְּלַייבְּט עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ............ טו

מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן אִיבֶּער אַ טוּיש אִין טְרַאנְסְפָּארְטַאצִיעֶ ............ טו

בְּלַייבּ וַוייטֶער בַּיי דַיין חֲסִידוּת, אוּן וַוארֶעם דִיךְ מִיט דִי הַארְצִיגֶע זְמִירוֹת ............ טז

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת ............ יז

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מְחַנְּכִים ............ יח

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ ............ כב

וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דִי יוּנְגֶעוַוארְג, רֶעדְט מֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו ............ כג

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין קָאפְּלֶס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ ............ כד

מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אוֹיפְ'ן גַאס ............ כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִיךְ פַּאל כְּסֵדֶר, וְוִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, עֶס גֶעבְּט מִיר צוּ לֶעבְּן.

אִיךְ הֵייס אַ גוּטֶער בָּחוּר, אִיךְ זִיץ אוּן אִיךְ לֶערְן, אִיךְ ווֵייס אָבֶער דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ פַּאל זֵייעֶר אַסַאךְ אַרָאפּ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיין יֵצֶר הָרָע.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר, ווִי אַזוֹי קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן? אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹי שְׁטַארְק זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פַּאל אִיךְ כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, שׁוֹין צְוֵויי חֲדָשִׁים וָואס אִיךְ קְוֶוענְקֶל צִי אִיךְ זָאל יָא שְׁרַייבְּן אָדֶער נִישְׁט, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי עֵצָה פַאר דִיר; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן

כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקַרֵב זַיין צוּ אִים, אוּן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ'ן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן - דַאן אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ.

פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, גֵיי דָארְט יֶעדְן טָאג אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה; זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דָאס אִיז דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְרֶעכְעֶנֶען נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדֶע נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אַ פְּרוֹי זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַלֶע הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, און אִיךְ הָאב זִיךְ אַסַאךְ פַארְבֶּעסֶערְט אִין זְכוּת פון דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער שֶׁערְן דִי הָאר. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס צוּ טוּן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַזוֹי אַיינְגֶעפִירְט אִין אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה; אִיךְ הָאב גֶעהַאט שֵׁיינֶע הָאר און אִיךְ ווִיל מַיין מַאן זָאל אוֹיךְ הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן.

אֶפְשָׁר קֶען מֶען שֶׁערְן נָאר דִי הָאר וָואס קֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן פוּנֶעם טִיכְל, אָדֶער דַארְף מֶען דַוְקָא אָפְּשֶׁערְן דִי גַאנְצֶע הָאר?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב עֶס קֶען זַיין אַז ווייל אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, דֶערְפַאר גֵייט מִיר דִי שְׁלוֹם בַּיִת נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַייעֶרֶע הָאר וֶועט אִיר אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים. אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (עֵירוּבִין ק:) וֶוען חַוָּה הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּם שְׁלַאנְג און גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת אִיז זִי גֶעשָׁאלְטְן גֶעוָוארְן מִיט צֶען קְלָלוֹת, אֵיינֶע פוּן דִי קְלָלוֹת אִיז: "מְגַדֶּלֶת שֵׂעָר כְּלִילִית", אַ פְּרוֹי אִיז גֶעשָׁאלְטְן גֶעוָוארְן מִיט הָאר; דִי הָאר בְּרֶענְגְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דִי הָאר בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט גֶעבְּן אַ דְרָשָׁה כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, אִינְמִיטְן דִי דְרָשָׁה פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן זַיין הֵיילִיגֶע פָּנִים צוּם

וַוייבֶּער שׁוּל אוּן גֶעוֵוײנְט צוּ דִי פְּרוּיעֶן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע 'וּבְכָל נַפְשְׁךָ' - מִיר זֶענֶען גְרֵייט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דֶעם גַאנְצְן נֶפֶשׁ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גְרֵייט אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דָאס בִּיסְל הָאר?" עֶר הָאט גֶעוֵוײנְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַארְץ צוּ דִי פְּרוּיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר, מִיר דַארְפְן זוּכְן צוּ גֶעפֶעלְן נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבְּט אַ קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גֵייט מִיט הָאר (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָּא', וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

הַלְוַאי וָואלְט מֶען דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין יוּנְגֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם; זֵיי זָאלְן וַוארְטְן אוֹיף דִי מִינוּט וֶוען זֵיי וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ קֶענֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קְלָלָה מִיט וָואס חַוָּה אִיז גֶעשָׁאלְטְן גֶעוָוארְן, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן מִיט שִׂמְחָה, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי מֶעקְט מֶען אוֹיס אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן מֹחַ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק, סְפֶּעצִיעֶל דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן, יֶעדֶע נֵייעֶ שִׁיעוּר גֶעבְּט מִיר פְרִישֶׁע כֹּחַ אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם בְּרִיוו וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַ פְרוֹי אִיר מְחַזֵק צוּ זַיין אוֹיף דֶעם וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶעמֶעקְט אִירֶע מָאוִויס [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן שְׁלֶעכְטֶע מָאוִויס, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דָאס וֶועט מִיר שָׁאטְן אִין לֶעבְּן, אוּן אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי שְׁטַארְקַייט אוּן אַלֶעס פַארְמֶעקְט, נָאךְ אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ עֶס אֲפִילוּ גֶעקוּקְט. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט נָאכְדֶעם אַ גֶעוואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעפִיל אוּן אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי שְׁטַארְקַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאר פוּן הֶערְן אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אֵיידֶער אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אָבֶּער פוּן צַייט צוּ צַייט קוּמְט מִיר אַרוֹיף שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען. וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְן מָאוִויס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע נִסָיוֹן, עֶס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ, עֶס צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶס הַרְגֶ'עט אַלֶע גוּטֶע חֲלָקִים פוּן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה) חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, הַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען אִים צוּגֶעבְּן אַן אַכְטֶע נָאמֶען, אַ נֵייעֶר נָאמֶען: 'כֹּחַ הַמְדַמֶּה'; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף קוּקְן מָאוִויס, קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה לָזֶה, עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וָואס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ.

בִּפְרָט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם

שְׁלֶעכְטְס, וַוייל ווי אַזוֹי די מַאמֶע פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ די קִינְדֶער. אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג:): "זְנוּתָא בְּבֵיתָא, תֻּקְפָּא בְּבֵיתָא", עֲבֵירוֹת אִין שְׁטוּבּ אוּן כַּעַס אִין שְׁטוּבּ - "כְּקַרְיָא לְשׁוּמְשְׁמֵי", מַאכְט חָרוּב די שְׁטוּבּ, "אִידֵי וְאִידֵי בְּאִתְּתָא", דָאס אִיז בַּיי די פְרוֹי, וַוייל אַז די מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן - זָאגְט רַשִׁ"י: "וְאֵינָהּ עוֹשָׂה מְלַאכְתָּהּ וְלֹא מְשַׁמֶּרֶת בֵּיתָהּ", טוּט זִי נִישְׁט די שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן די הוֹיז וֶוערְט אַ הֶפְקֵר הוֹיז; דַארְף אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם זַאכְן.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע ווי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן קָאפּ אַלְטֶע זַאכְן; אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׂפְּרַאךְ, וֶועט מִיט די צַייט זִיךְ טוֹישְׁן די גַאנְצֶע מֹחַ, אִיר וֶועט וֶוערְן אַ רֵיינֶע מַאמֶע, אַ רֵיינֶע פְרוֹי.

אוֹיבּ אִיר הָאט צַייט פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ׳", וֶוער עֶס וויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; אַז אִיר וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים וֶועט אִיר צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ מֹחַ מַחֲשָׁבָה, עֶס וֶועט וֶוערְן רֵיין אוּן לוֹיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[די בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע די אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן מָאוִויס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר די שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס רַאטֶעוֶועט מִיר מַמָּשׁ דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ אַריינְגֶעמִישְׁט אִין מִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם מָאוִויס וָואס אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זֶען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה וָואס אִיךְ בִּין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר אַליין, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מַמָּשׁ גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף מִיר.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר לִיב אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן אַזוֹי אַרוּם, נָאכ'ן וֵויינֶען אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער - בִּין אִיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען אָפְּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט דִי וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי מָאוִויס, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַלֶעס אוֹיסְצוּמֶעקְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶס אִיז נִישְׁט חָלִילָה אַז אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה פַאר'ן עֶס אוֹיסְמֶעקְן, אִיךְ בִּין אָבֶער פָּארְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאלְן קֶענֶען שְׁפִּירְן אִינְגַאנְצְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דֶעם אַז אִיךְ הָאבּ דָא מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

בְּרוּכָה אַתְּ לַה׳, גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין אַז אִיר הָאט אוֹיסְגֶעמֶעקְט דִי מָאוִויס, אִיר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי טוּמְאָה.

אִיר דַארְפְט בֶּענְטְשְׁן גוֹמֵל פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי טוּמְאָה; אִיר וֶועט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, בְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז מָאוִויס אִיז זֵייעֶר אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס הַרְגֶ׳עט יֶעדֶע גוּטֶע חֵלֶק פוּנֶעם מֶענְטְשְׁנְ׳ס לֶעבְּן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת; אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס הַרְגְ׳עט דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - טוּט עֶס אוֹיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם פָּשׁוּטְ׳ן גַשְׁמִיּוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט.

וֶוען אִיר זָאלְט וֶוען ווִיסְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ מָאוִויס אִיז פַאר׳ן לֶעבְּן, וָואלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם; אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אִיר זֶענְט אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ מֶענְטְשׁ.

מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען מַעֲשִׂיוֹת ווִי דִי קְלִיפּוֹת, דִי נִישְׁט גוּטֶע - הָאבְּן פַארְכַאפְּט אַ מֵיידֶל, בִּיז אַ צַדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מֵיידְל פוּן דִי קְלִיפּוֹת, פוּן דִי שֵׁדִים, פוּנֶעם גַלָח; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דִי סָארְט מַעֲשִׂיוֹת, מֶען הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַ מֵיידְל אִיז פַּארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת גֵייעֶן נָאךְ הַיינְט אָן, דִי קְלִיפּוֹת אַרְבֶּעטְן הַיינְט נָאךְ מֶער ווִי אַמָאל, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַּארְכַאפְּט טָאג טֶעגְלִיךְ בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, מֶען בַּאקוּמְט מָאוִויס פוּן חֲבֵרִים אוּן חַבְרֶ'טֶעס, מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן הַאלְבְּוֶועגְס בִּיז מֶען וֶוערְט פַּארְכַאפְּט אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶעם לָאזְט מֶען אָפּ שַׁבָּת, מֶען הֵייבְּט אָן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין ווַייל דִי מָאוִויס צִיט גָאר שְׁטַארְק מִיט אַ מַאגְנֶעטִישֶׁע קְרַאפְט, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין הֲנָאָה סְתַּם צוּ זִיצְן בַּיי דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, מֶען לוֹיפְט אַרוֹיס, מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין שְׁטוּב מִיט מָאוִויס; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה פַארְבְּרֶענְגְט, מֶען הָאט אַ גוּטֶע צַייט אִינְאֵיינֶעם, שְׁפִּירְט מֶען ווִי מֶען ווִיל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין, מֶען ווִיל שׁוֹין צוּרִיק גֵיין קוּקְן דִי דִמְיוֹנוֹת.

דָאס אִיז פַּאר מֶען הָאט חֲתוּנָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז נָאךְ פִּיל מֶער בִּיטֶער; מֶען פַּארְלִירְט דִי גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מַאן אוּן ווַייבּ, מֶען שְׁפִּירְט אַלְץ ווִי מֶען ווִיל שׁוֹין אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי מַצָב אוּן צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי מָאוִויס, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס קוּמֶען קִינְדֶער הָאט מֶען נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ נֶערְוְון אוּן גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט בַּאפְרַייט פוּן תְּפִיסָה? אֵיין זַאךְ, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז דוּ הָאסְט מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תְּפִיסָה", קֵיינֶער בֶּענְקְט נִישְׁט צוּרִיק צוּ גֵיין אִין תְּפִיסָה; דָאס זָאלְט אִיר טוּן טָאג אוּן נַאכְט, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן דֶעם פָּסוּק פוּן הַלֵּל (תְּהִלִּים קיג, ז): "'מְקִימִי מֵעָפָר דָּל, מֵאַשְׁפֹּת יָרִים אֶבְיוֹן', יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאסְט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן גַארְבִּידְזְשׁ, פוּן דִי מִיסְט; אִיךְ בִּין גֶעלִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין מִיסְט אוּן יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ ווִי אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נָאנְט צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט מִיט דִי בָּחוּרִים זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אִין אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה דִי צְוֵוייטֶע כִּיתָּה, אוּן אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ מִיט דִי בָּחוּרִים, בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ בָּחוּר פָּאלְגְט נִישְׁט, דִי בָּחוּרִים וֵויסְן אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין חָכְמוֹת, יֶעדֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ צוּ דִי זְמַנֵּי הַלִּימוּד, אוּן מֶען קוּמְט אָן זֵייעֶר אַסַאךְ יֶעדֶע זְמַן.

פַארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיר שֻׁלְחָן עָרוּךְ, פַארְמִיטָאג לֶערְנֶען מִיר גְמָרָא בְּעִיּוּן, נָאכְמִיטָאג לֶערְנְט מֶען שִׁיעוּר פָּשׁוּט אוּן בַּיי נַאכְט סֵדֶר לֶערְנְט מֶען סִפְרֵי חֲסִידוּת.

וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִיז אַז וֶוען דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרַיין אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, וָואס דָארְט אִיז נִישְׁטָא אַזַא שְׁטְרֶענְגֶע מִסְגֶּרֶת - ווערְן זֵיי נָאכְגֶעלָאזְט, נָאכְדֶעם פַאלְן זֵיי אַרָאפּ אוּן מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט גֵייט לְאִבּוּד. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דִי הַיינְטִיגֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט אוּן פַארְוָואס אַזוֹי סַאךְ בָּחוּרִים פַאלְן אַוֶועק, אֶפְשָׁר אַז אִיר רֶעדְט אַסַאךְ צוּ בָּחוּרִים וֵוייסְט אִיר דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ"א.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים פוּן זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט; אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג אוּן עֶס וֶועט סַיי ווִי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן - אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט.

לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אָנְטוּן תְּפִילִין אוּן אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן לֵייגְן תְּפִילִין אוּן הִיטְן שַׁבָּת.

אַז מֶען לֵייגְט אַ דָגוּשׁ אוֹיף עֶסְן מִיט אַ הוּט, אָדֶער גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ גַארְטְל וְכַדּוֹמֶה לָזֶה - כָּל זְמַן דִי בָּחוּרִים זֶענֶען יוּנְג פָּאלְגְן זֵיי, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט פוּן דֶעם קַיין שְׁפִּיר.

אִיךְ מִיש זִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים, יֶעדֶע פְּלַאץ הָאט זִיךְ זַייעֶרֶע מִנְהָגִים, אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען חָשׁוּב אוּן טַייעֶר אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל; דֶער עִיקָר דַארְף בְּלַייבְּן עִיקָר, דֶער עִיקָר אִיז רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טָאג אוּן נַאכְט דַארְפְן מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּטְ'עֶ אֱמוּנָה, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין תּוֹרוֹת; אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי תַּלְמִידִים אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַחְשִׁיב זַיין יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס מֶען טוּט. וֶועט אִיר זֶען אַז נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַּאלְן, זֵיי וֶועלְן גֵיין נָאר מַעֲלָה מַעֲלָה אוּן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

בַּיינַאכְט וֶוען אִיר לֶערְנְט מִיט זֵיי סִפְרֵי חֲסִידוּת זָאלְט אִיר זֵיי דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַּאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים אַסַאךְ חִיזוּק; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "פַּאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְּקוּת"; נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן מוּסָר הַאלְט נִישְׁט אָן צוּ לַאנְג, ווִידֶער הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס - דָאס הַאלְט אָן אַ לַאנְגֶע צַייט"; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ תַּלְמִידִים, מֶען גֶעבְּט זֵיי מוּסָר - דַארְף מֶען זֵיי אַסַאךְ מְחַזֵּק זַיין, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נִישְׁט פַּאלְן, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק פַאר מַיין נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן יֶעצְט אִין דִי ווִינְטֶער וֶוען עֶס וֶוערְט פְרִי נַאכְט, אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטְוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה, אַוַדַאי מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁךְ עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב לֶערְנְט מֶען בַּייטָאג אוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ בַּיינַאכְט, אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן לו) וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוען אִיז טָאג אוּן וֶוען אִיז נַאכְט, נָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז טָאג אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז נַאכְט.

נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע זַאךְ ווִי אוֹיסְנוּצְן דִי ווִינְטֶער נֶעכְט מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה; מוֹהֲרַ"ן זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר פְלֶעגְט רוּפְן דִי ווִינְטֶער נֶעכְט: "דִי גָאלְדֶענֶע נֶעכְט", ווַייל ווִינְטֶער בַּיינַאכְט קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּכַאפְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נַייֶע נְשָׁמָה; דֶער

בְּאֵר הֵיטֵב בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן ו) "כָּתַב הָאֲרִ"י ז"ל: וְשִׁיעוּר מִשְׁנִיּוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי 'מִשְׁנָה' אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'", וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי זָאל מֶען לֶערְנֶען דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, וַוייל דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּגָמִים.

מַה טוֹב אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ זָאגְט (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנִיּוֹת בְּכָל יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים ח"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד ח"י עוֹלָמוֹת מַה טוֹב וּמַה נָּעִים", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דֶער וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי, "כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", וַוייל מִיטְ'ן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶעבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶ' אִיךְ שֶׁיִּהְיֶ', וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת"; אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בְּלָאטֶע, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג "ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת", - וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען מֶען אַלְץ מְתַקֵּן זַיין מִיטְ'ן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס וֶוערְט פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וֶועגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוֹיב עֶס אִיז אַ תִּיקוּן בְּעִיקָר אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אָדֶער אוֹיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, ווִי פַארְפֶעלְן תְּפִילוֹת, תְּפִילִין, נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כַּשְׁרוּת הַמַּאֲכָלִים, וְכוּ'?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן כט): "הַכְּלָל שֶׁצָּרִיךְ לְתַקֵּן תְּחִלָּה תִּקּוּן הַכְּלָלִי וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יְתֻקַּן הַכֹּל בִּפְרָט", דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶעס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתצז בְּהַגָּהָה): "נִמְצָא שֶׁעֲשָׂרָה קַאפִּיטְל תְּהִילִים" - טז, לב, מא, מב, נט, עז, קה, קלז, קנ - דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, "שֶׁגִּלָּה רַבֵּינוּ זַ"ל", וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, "הוּא תִּיקוּן לְכָל הַחֲטָאִים שֶׁבָּעוֹלָם בִּכְלָלִיּוּת", אִיז אַ תִּיקוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט, "וּבִפְרָטִיּוּת לְכָל מִינֵי פְּגָמֵי הַבְּרִית", אוּן סְפֶּעצִיעֶל פַאר פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, "וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת לְמִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן".

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שָׁם): "וְעַל כֵּן מִי הֶחָפֵץ בַּחַיִּים", וֶוער עֶס זוּכְט לֶעבְּן, "מִי הָרוֹצֶה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה מֵעֲוֹנוֹתָיו וַחֲטָאָיו שֶׁנָּפַל בָּהֶם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף זַיינֶע זִינְד וואוּ עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן, "כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי יְרִידוֹתָיו", יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט ווִי עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, "יְרַחֵם עַל נִשְׁמָתוֹ", זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, "וְיֹאמַר בְּכָל יוֹם אֶת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים", אוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, "שֶׁהֵם תִּיקוּן חָדָשׁ לְגַמְרֵי", וָואס דָאס אִיז אַ נַייעֶר תִּיקוּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז נָאכְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶער עִיקָר תִּיקוּן הַבְּרִית - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - אִיז "נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן"; אֵיינְמָאל מֶען הָאט

גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זָאל מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען אוּן טוּן מִצְוֹת.

מִיר דַארְפְן אַוֶועק לֵייגְן אוּנְזֶער שֵׂכֶל אִין פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צב): דֶער וָואס וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ - דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" - וֶועט פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַאְרלוֹירְן דַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעָד.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; פוּן דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה, פוּן דַיינֶע סִיוּמִים. הָאסְט מִיר מַמָּשׁ דֶערְפְרֵיידְט מִיט דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ לֶערְנְסְט וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען מִשְׁנַיוֹת אוּן אַפָּאר מַסֶכְתּוֹת אִין שַׁ״ס.

טֵייעֶרֶער ..., וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַאְרלוֹירְן דַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, וֶוער נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט דִי חֵשֶׁק פוּן אַמָאל. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, אַלֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל - זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, אוֹת ח): ״וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה״, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְרִינְג.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען פְלַייסִיג, וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט הָאבְּן חֵשֶׁק, לֶערְן אָן חֵשֶׁק; מַאךְ זִיךְ כְּאִילוּ דוּ הָאסְט חֵשֶׁק, דִי חֵשֶׁק הַתּוֹרָה וֶועט שְׁפֶּעטֶער קוּמֶען. מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר וִויפִיל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג, נִישְׁט קַיין חִילוּק יָא חֵשֶׁק נִישְׁט חֵשֶׁק, וֶועסְטוּ

אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

נָאךְ אֵיין זַאךְ, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג; זִיךְ אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, גֵיי אַהִין פַאר אַפָּאר מִינוּט און רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מַאכְן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען, זָאג אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו; שְׁרַייבּ מִיר אַלֶע דַיינֶע סִיוּמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', בֵּית שֶׁמֶשׁ.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען פִינְף און אַכְצִיג מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; וֶוען אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס תְּהִלִּים אִיז - וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם תְּהִלִּים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי ווִי אַ פָּאנְטְשׁ", אַזוֹי ווִי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גוּטֶע טְרִינְק, כַאפְּט עֶר יֶעדֶע מָאל נָאךְ אַ טְרִינְק און נָאךְ אַ טְרִינְק, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים און שְׁפִּירְן ווִי יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז ווִי אַ גוּטֶע טְרִינְק; אִין תְּהִלִּים לִיגְן בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט אַז אִין תְּהִלִּים לִיגְן בַּאהַאלְטְן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואלְט מֶען גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן; אַ שָׁאד אוֹיף אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, אַ שָׁאד מֶען מֵיינְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, וֶוען מֶען וָואלְט גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; דִי אַרְבֶּעט לִיגְט אוֹיף אוּנְז, אוֹיף אַלֶע וָואס הָאבְּן

הַנָאָה פון רֶבִּי'ן, אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען פון רֶבִּי'ן דַארְפְן אַרוֹיסְגֵיין פון זֵייעֶר וֶועג פַאר אַנְדֶערֶע, דָאס גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אִין בֵּית פֵּיגָא פון הַפָּצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער גוֹי טָמֵא דַארְף אַייךְ נִישְׁט, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַייעֶר גוּטְס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט נִישְׁט נַארִישׁ, זַייט נִישְׁט קִינְדִישׁ; דֶער גוֹי טָמֵא דַארְף אַייךְ נִישְׁט, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַייעֶר גוּטְס, עֶר וִויל אַייךְ נָאר אוֹיסְנוּצְן פַאר אַן עֲבֵירָה אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַייךְ הַרְגְ׳עֶנֶען צוּם טוֹיט.

אִיר זֶענְט קְלוּגֶער פון דֶעם, פַּאלְט נִישְׁט פַאר אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל, פַּאלְט נִישְׁט פַאר אַ גוּט וָוארְט פון אַ גוֹי טָמֵא; אַז אַייעֶר טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף אַייךְ, טָאג אוּן נַאכְט מַאכְט עֶר חוֹזֶק פון אַייךְ - לוֹיפְט מֶען נָאךְ נִישְׁט צוּם טוֹיט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר אַ כַּלָּה וֶוערְן. אַז אִיר וִוילְט וַוארֶעמְקֵייט, אִיר וִוילְט אֵיינֶער זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַ פַארְלוֹירֶענֶע, אִיךְ דַארְף וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ קוּם פון אַ שְׁטוּב וואוּ מֶען הַרְגְ׳עֶט זִיךְ; מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף מַיין מַאמֶע, מַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף מִיר, עֶר רוּפְט מִיר אָן מִיט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, עֶר רוּפְט מִיר "בְּהֵמָה"; דָאס מַאכְט מִיר אִיךְ זָאל זוּכְן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר בִּיז אִיךְ פַאל אִין דִי הֶענְט פון גוֹיִם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; אַ וואוֹילֶער חָתָן, אַ וואוֹילֶער מַאן, אַ מַאן וָואס וֶועט רֶעדְן צוּ מִיר שֵׁיין, עֶר וֶועט מִיר נִישְׁט רוּפְן מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק, נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין גוֹיִם; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן

**אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ".**

אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ שִׁידוּךְ טוּן זָאגְט אִיר אַז אִיר קֶענְט עֶס נִישְׁט טוּן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער וֶוען אִיר שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיטְ'ן גוֹי טָמֵא, אִיר גֵייט צוּ אִים אִין דִי קַאר - דֶעמָאלְט פְרֶעגְט אִיר נִישְׁט אַייעֶר טַאטֶע אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים? פַארְוָואס וֶוען אִיךְ ווִיל אַייךְ גֶעבְּן אַ עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ אִיר זָאלְט חֲתוּנָה הָאבְּן אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט אִיר זִיךְ שׁוּלְדִיג, דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט אִיר זִיךְ אַז אִיר הָאט אַ טַאטֶע אוּן וֶוען אִיר קוּקְט מָאוִויס אוּן אִיר שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט שֵׁדִים דֶעמָאלְט פְרֶעגְט אִיר נִישְׁט?

אַז אִיר גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ אוּן הַיינְט וֶוערְט אִיר אַ כַּלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז נִישְׁט אַנְדֶערֶע זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מַזָּל טוֹב! דוּ גֵייסְט יֶעצְט חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה מִיט תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס זוּכְן אַרַיין צוּ שְׁטֶעקְן דִי נָאז וְכוּ'; רֶעד נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע קַיין אֵיין וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעלֶערְנְט, אַלֶע הַדְרָכוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִיז נָאר צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'.

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס מַאכְן אַן עֶרְנְסְטְן פָּנִים אוּן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת וְכוּ'; רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן אִיז נִיבּוּל פֶּה, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר שְׁמוּעֶסְן, דָאס אִיז נָאר פַאר דִי וָואס זֶענֶען מַדְרִיךְ חֲתָנִים. בִּפְרַט אַז דוּ גֵייסְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט זֶענֶען דָא כַּמָּה בַּטְלָנִים אִיכָּא בְּשׁוּקָא - אַסַאךְ גֵייעֶן דָארְט לֵיידִיג; גֶעוֶוענְלִיךְ דִי לֵיידִיגְגֵייעֶרְס - דִי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן י): "אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָתוֹ מְרֻבָּה בְּמִשְׁגָּל וּמְדַבֵּר דִּבְרֵי טִנּוּף תָּמִיד", עַל

פִּי רוֹב, דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן לֵיידִיג דִי לִיגְן אִין דִי תַּאֲוָה.

פִּיר זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; מַאךְ זִיךְ אַ בַּאשְׁטוּמְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ און מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ.

...

## אוֹיף דִי וָואס טוּעֶן, הָאט מֶען אַלְץ טַעֲנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אַ שְׁטֶעטְל אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אַ שְׁטֶעטְל וואו מִיר וֶועלְן מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה, מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה.

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף דִיר; אַז מֶען טוּט, אַז מֶען הֶעלְפְט - הָאט מֶען טַעֲנוֹת; אוֹיף אַ טוֹיטֶע זַאךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין טַעֲנוֹת, אוֹיף דִי וָואס הֶעלְפְן וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן טַעֲנוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער בּוֹיעֶן אַלֶע הַייזֶער אִין שְׁטֶעטְל, דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי וָואס רַייסְן דִיךְ אוּנְטֶער.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם עֵירוּב טְרָאק; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל דָאס קוֹיפְן, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַן עֵירוּב טְרָאק צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם עֵירוּב.

אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט צְוֵויי בָּחוּרִים זָאלְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיַן הַהַדְפָּסָה און נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן בּוֹיעֶן אַ וֶועג אַרַיין אִינֶעם שֶׁטַח הַיְשִׁיבָה.

אִיךְ וִויל מֶען זָאל קוֹיפְן אַ בָּאס; אִיךְ וֶועל צוּשְׁטֶעלְן אֵיינֶער זָאל דְרַייוְון דֶעם בָּאס אַרוּם דֶעם שְׁטֶעטְל יֶעדֶע שָׁעָה אַז דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן קֶענֶען גֵיין און קוּמֶען.

...

## דַאנְקְט אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳.**

פַּארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, זָארְגְט נִישְׁט; אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלְצְדִינְג.

דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן; בִּכְלַל דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי שְׁטוּב, אַלֶע קִינְדֶער - נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע רֵייד, נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים פְּרִיוַואטֶע שְׁטוּב זַאכְן.

אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער, עֶס וֶועט פְּלוּצְלוּנְג קוּמֶען אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אַלֶע וֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

## אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטָאמִין אוּן דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אַייעֶר לֶעבְּן אִיז שֵׁיין, אִיר הָאט אַ גוּטֶע ״שְׁלוֹם בַּיִת״, אִיר לֶעבְּט אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

טָאג אוּן נַאכְט הֶער אִיךְ נָאר קְרֶעכְצְן, מֶען בַּאפַאלְט מִיר מִיט קְרֶעכְצְן; דֶער מַאן קְרֶעכְצְט אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן דֶעם׳ס וַוייבּ קְרֶעכְצְט אוֹיפְ׳ן מַאן, אֵיינֶער קְרֶעכְצְט אוֹיף דָאס - אַ צְוֵוייטֶער אוֹיף יֶענְץ אוּן פוּן אַייךְ הֶער אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע זַאכְן.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטָאמִין, דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין, עֶס שְׁטַארְק אוּן גֶעבְּט כֹּחַ. חַזֶרְ׳ט זִיךְ: **׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר׳**; דָאס וֶועט אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן

און אַייךְ גֶעבְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת.

...

## כַּאפּ אַ שְׁפַּאצִיר און רֶעד צום אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ בִּיסְט אַ נֵייעֶ קִינְד, דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג; קוּמְסְט אַהֵיים פְרֵיילִיךְ פוּן חֵדֶר, דוּ רֶעדְסְט זֵייעֶר שֵׁיין צוּ דַיין מַאמֶע, זִי הָאט אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ און גֵיי וַוייטֶער מִיט דִי וֶועג, זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; דוּ הָאסְט זֵייעֶר חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת פַאר׳ן רֶבִּי׳ן.

וָואס דוּ דַארְפְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ, אִין אֵיין רֶגַע קֶען מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִינְדְרוֹיסְן פוּן דַיין שְׁטוּבּ, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בֶּעטְן פַאר דִיר און פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה. אוֹיךְ בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיזָא רֶעכִיל - אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ און וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת.

...

## אִיר זָאלְט זַיין ״שְׁטָאלְץ״ מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ׳עֶ כַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא, ווילְיַאמְסְבּוּרְג.**

דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער - ״צְנִיעוּת״; דָאס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער. דִי וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל און פִירְן זִיךְ אֵיידֶל - דִי זֶענֶען קְלוּג, דִי פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט זַיין "שְׁטָאלְץ" מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת; אִיךְ שְׁטָאלְצִיר מִיט אַייךְ מִיט אַייעֶר אֵיידְלְקֵייט, אִיר זֶענְט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ "בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה". מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר בַּאקוּמֶען אַזַא אֵיידְלְקֵייט אִין אוּנְזֶער שְׁטוּב; דָאס זֶענֶען אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער וָואס לִיבְּן דִי תּוֹרָה, לִיבְּן דִי מִצְוֹת אוּן פִירְן זִיךְ אֵיידֶל.

זָאגְט וַוייטֶער תְּהִלִּים; פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים".

...

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע וֵוייטָאג ווִי אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיו.

ווִי קֶען אִיךְ אַייךְ טְרֵייסְטְן? נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע וֵוייטָאג פַאר אַ מַאמֶע ווִי אַז אִירֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, דָאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן חִיזּוּק, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט דָאס אָנְנֶעמֶען.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין תְּפִלָּה, בֶּעטְס וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, שִׁדּוּד הַטֶּבַע מַמָּשׁ. אִיר וֵוייסְט זִיכֶער וָואס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז זַיין זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן ווִי זַיין זוּן אִיז אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג: "אַז דוּ הָאסְט יָא אַזַא כֹּחַ, דוּ קֶענְסְט פּוֹעֵל'ן מִיטְ'ן דַאוֶונֶען, פַאְרוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

אִיר וֶועט מִיר זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אַז אִיר דַאוֶונְט שׁוֹין לַאנְג אוֹיף דֶעם, אִיר בֶּעט יֶעדְן טָאג, אִיר וֵויינְט אוּן זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִינֶעם בְּרִיו; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין, אִיךְ זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער דַאוֶונֶען, אִיר זָאלְט וַוייטֶער בֶּעטְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, זַייט וַוייטֶער וַוארֶעם אוּן גֶעטְרֵייִ צוּ זֵיי; דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים אִים גֶעבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּב וְכוּ׳. יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ מִיט מַיין זוּן, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאךְ גֶעבּ אִיךְ אִים עֶסְן אוּן אַלֶע זַיינֶע הִצְטַרְכוּת'עֶר; אִיךְ בִּין נָאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, טוֹב וּמֵטִיב וְרַב חֶסֶד, זָאלְסְטוּ זִיכֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִיר'ל מִפְּרִימִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי מֵאִיר, פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת) דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כּח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו"; וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ אַז עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו הָרָשָׁע? זָאגְט עֶר, אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאס גֶעטוּן, נָאר "כִּי צַיִד בְּפִיו", עֶר זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי אִיךְ גֶעבּ פַאר עֵשָׂו וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אֲפִילוּ עֶר גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי הֶעלְפְן אִידְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין", עַיֵּין שָׁם; זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.

...

### מֶען דַארְף זִיךְ אִיבֶּער רֶעדְן מִיט אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן רָבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הֶיתֵּר סְתָּם אַזוֹי, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט וִוי דוּ מֵיינְסְט.

עֶס וֶועט זִיךְ אִין דִי פְּרוּי; אוֹיבּ זִי זָאגְט זִי קֶען נִישְׁט, זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען אִיר גֶעבְּן אַ הֶיתֵּר. נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס פַּסְקְ׳עֶנֶען, דָאס דַארְף דוּרְךְ גֶערֶעדְט וֶוערְן מִיט אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן רַב; מֶען זָאל גָארְנִישְׁט פַּארְהוֹילְן פוּנֶעם רָב, מֶען זָאל אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, נָאר אַזוֹי קֶען זַיין אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ הֶיתֵּר וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט נִישְׁט גְרִינְג דִי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

נֶעמְט נִישְׁט גְרִינְג דִי הֲלָכוֹת, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר; אוֹיבּ מֶען הַאלְט נִישְׁט קַיין טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלַאפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט יֶענֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

...

## נִישְׁט וֵויי טוּן יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב שֶׁתִּחְיוּ.**

אַז אִיר ווִילְט מִיר מַאכְן נַחַת זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם; אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיר זָאלְט זַיין פָּארְזִיכְטִיג וֶוען אִיר זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט עֶס זָאל נִישְׁט וֵויי טוּן יֶענֶעם.

טֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת, נֶעמְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים פַאר אַייעֶר פְּרַיינְט; וואוּ אִיר גֵייט זָאלְט אִיר מִיטְנֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים. זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועט אִיר עֶס עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זָאגְן דֶעם גַאנְצְן יוֹם זָאלְט אִיר זָאגְן וויפִיל אִיר קֶענְט.

וֶוען אִיר קוּמְט אַהֵיים זָאלְט אִיר הֶעלְפְן דִי מַאמֶע; זוּכְט נִישְׁט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּב, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּט הֶעלְפְן דִי מַאמֶע.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע אײעֶרע וֶועגְן.

...

## די שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין, און דֶערְנָאךְ וֶועט אִיר זֶען פִּיל נַחַת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ גֵייסְט צוּ דִי שִׂמְחָה מִיט אַ שִׂמְחָה; וִויפִּיל דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּנֶעם חָתָן וֶועסְטוּ זֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה אַז עֶר אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער וִוי דוּ מֵיינְסְט, עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ דִיאַמַאנְט.

דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען, דִי מְחוּתָּנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דָאס אִיז אַזוֹי וִוי חַבְלֵי לֵידָה. וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט הָאבְן אַ קִינְד, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער זִי וֵוייסְט אַז דִי וֵוייעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער און מֶען בַּאקוּמְט אַ לִיכְטִיג קִינְד פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן. דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, דוּ און דַיין וַוייב תִּחְיֶ׳ גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, אִיר קֶענְט נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר לֶעבְן פוּן דִי אַלֶע רַייבֶּעְרייעֶן וְכוּ׳; דָאס אִיז נָאר דִי פָּאר וָואכְן, בַּאלְד בַּאקוּמְט אִיר אַ זִיסֶער לִיכְטִיגֶער אֵיידֶעם וָואס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד פוּן אֱמוּנָה, תְּפִלָּה און גוּטֶע מִידוֹת, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְן קַיין טַעֲנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ קָאפּ וֵויי? דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אִינְגְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל; פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַרַיין גֵיין אִין שְׁמוּעֶסְן וָואס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פְּרָאבְּלֶעמֶען? פַאר אֵיין אַזַא וָוארְט קֶענְסְטוּ

פַארלִירְן דַיין פַּרְנָסָה, מֶען וֶועט דִיר פַארְשִׁיקְן פוּן דִי מְלַמְדוּת, וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס?! בִּפְרַט בַּיי עֶנְק אִין מוֹסָד, דָארְט אִיז מֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג קֶעגְן קוּקְן אִין שְׁפִּיגְל.

אַנְשְׁטָאט אַרַיין גֵיין אִין הַייקֶעלֶע שְׁמוּעֶסְן זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן זִיכֶערֶע זַאכְן; רֶעד פוּן אֱמוּנָה, רֶעד פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן גוּטֶע מִידוֹת. אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן גוּטֶע מִידוֹת וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר, דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר נָאר אוֹיסְלוֹיבְּן.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי מְלַמְדוּת; אַ מְלַמֵּד הַאלְט דִי וֶועלְט, אַ מְלַמֵּד הִיט דִי שְׁטָאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי חֲגִיגָה א, ז) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא, רֶבִּי אַסִּי אוּן רֶבִּי אַמִּי זֶענֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַוֶועק שְׁטֶעלְן מְלַמְדִים זָאלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער חוּמָּשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חֵדֶר, "אֲמָרִין לוֹן אַיְיתּוּן לָן נָטוֹרֵי קַרְתָּא", הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט פוּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי שְׁטָאט, וואוּ זֶענֶען דִי הִיטֶערְס פוּן שְׁטָאט? מִיר ווילְן רֶעדְן צוּ זֵיי, "אֲזַלוּ וְאַיְיתּוּן לוֹן סַנְטוֹרֵי קַרְתָּא", הָאבְּן דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן גֶעבְּרֶענְגְט דִי שׁוֹמְרִים, "אֲמָרִין לוֹן, אִלֵּין אִינוּן נָטוֹרֵי קַרְתָּא, לֵית אִלֵּין אֶלָּא חֲרוּבֵי קַרְתָּא", הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים גֶעפְרֶעגְט - דִי הִיטְן דִי שְׁטָאט? דִי מַאכְן חָרוּב דִי שְׁטָאט! מֶענְטְשְׁן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף זֵיי אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲמָרִין לוֹן, וּמַאן אִינוּן נָטוֹרֵי קַרְתָּא", הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט, וֶועם ווילְט אִיר טְרֶעפְן, וֶוער זֶענֶען בַּיי אַייךְ דִי הִיטֶערְס פוּן שְׁטָאט? "אֲמָרִין לוֹן, סַפְרַיָּיא וּמַתְנְיָינָיא", הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט מִיר זוּכְן דִי מְלַמְדִים, מְלַמְדִים - זֵיי הִיטְן דִי שְׁטָאט, זֵיי בּוֹיעֶן דִי שְׁטָאט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פַארְעֶכְטְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער נָאר וָואס אִיז ווִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אַ פָּסוּק פוּנֶעם נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר קִיצּוּר שְׁלָ״ה; אֵלִיָּהוּ רַבָּה סוֹף סִימָן קכב) **אַ סְגוּלָה** צוּ גֶעדֶענְקֶען דִי נָאמֶען נָאכְ׳ן פְּטִירָה, מֶען זָאל זָאגְן בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אַ פָּסוּק וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְ׳ן אוֹת פוּנֶעם נָאמֶען אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דִי לֶעצְטֶע אוֹת פוּנֶעם נָאמֶען.

עֶס זֶענֶען דָא אִין גֶעוִויסֶע פְּלֶעצֶער וָואס דִי תַּלְמִידִים זָאגְן אוֹיךְ דֶעם פָּסוּק אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען זֵיי מְקוּשָּׁר צוּ זֵייעֶר רֶבִּי.

אַייעֶר נָאמֶען אִיז פֵּיגָא, זָאלְט אִיר זָאגְן דִי פָּסוּק (וַיִּקְרָא ב, ו): ״פָּתוֹת אֹתָהּ פִּתִּים וְיָצַקְתָּ עָלֶיהָ שָׁמֶן מִנְחָה הוּא״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֵצוֹת אַיינְצוּשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט אָנְגֵיין; לִיגְט אִין בֶּעט אוּן זִינְגְט זִיךְ נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה. לִיגְן אִין בֶּעט רוּט אוֹיךְ אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי שְׁלָאפְן.

אַז אִיר הָאט מוֹרָא זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): ״סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ״, טְרַאכְטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַ סְגוּלָה אַוֶועק צוּ נֶעמֶען שְׁרֶעק; לִיגְט אִין בֶּעט אוּן טְרַאכְט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אֵיינֶער אַלֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, נָאר עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט, דָאס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אַייךְ דִי פְּחָדִים.

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט מְקַרֵב דִי וָואס זִיצְן אִין דִי זַייט אַיינְזַאם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ג׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט אַייךְ אוּן זַייט פְּרֵיילִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר שׁוֹין וֶוערְן אַ כַּלָּה; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, עֶס קֶען זַיין אִין אֵיין אוֹיגְן בְּלִיק אַז אַייעֶרֶע בְּרִידֶערְס וֶועלְן וֶוערְן חֲתַנִים אוּן אִיר וֶועט אַ כַּלָּה וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְלְ׳ס גֶעפִילְן; וֶוען אִיר זֶעט אַ מֵיידְל וָואס אִיז אַיינְזַאם, קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט מִיט אִיר, זִי זִיצְט אַלֵיין, זִי הָאט נִישְׁט קַיין חַבֶרְ׳טֶעס - זָאלְט אִיר זִי מְקַרֵב זַיין. מֶען קֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זִיצְן אֵייבִּיג שְׁטִיל פַּאר זִיךְ - זֵיי צוּ מְקַרֵב זַיין, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ מְקַרֵב זַיין, וַוייל וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּ אִים פוּן הִימְל; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ אוֹיף זַיינֶע מִידוֹת, עֶר אִיז מְוַתֵּר אוֹיף זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט אִים - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז.): ״כָּל הַמַּעֲבִיר עַל מִידוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו״.

שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּט עֶסְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, כו): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן".

בְּלַייבְּט עֶסְן דִי סְעוּדוֹת בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר עֶסְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶן בַּיי אַייךְ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי עֶלְטֶערְן אִיבֶּער אַ טוּישׁ אִין טְרַאנְסְפָּארְטַאצְיֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מֶען דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשֶׁעס; אוֹיבּ מֶען וִויל מַאכְן אַ טוּישׁ מִיט דִי טְרַאנְסְפָּארְטֶעישְׁן דַארְף מֶען מוֹדִיעַ זַיין פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבּ וַוייטֶער בַּיי דַיין חֲסִידוּת, אוּן וַוארֶעם דִיךְ מִיט דִי הַארְצִיגֶע זְמִירוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֵיפָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין דַיין לֶעבְּן; אוֹיךְ הָאסְטוּ שִׁיעוּרִים אִין בַּבְלִי אוּן אִין יְרוּשַׁלְמִי. דֶער טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) – דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם פוּן גַן עֶדֶן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

בְּלַייבּ בַּיי דַיין חֲסִידוּת, גֵיי וַוייטֶער צוּם טִישׁ, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן דִי וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים; דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רעג): ״טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן״, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין מִיט אַ נִיגוּן, ״כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד. וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, וַוייל מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֶערְן וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, אוֹת ח): ״וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה״, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, ״כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנַיּוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ״, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, ״וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו״, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, ״וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנַיּוֹת״, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיּוֹת. ״וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן״, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט

פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֶוייְנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרַיינְט.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל, רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי פְרוֹיעֶן אוּן פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן - וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גְלֵייבְּן; ווִי מֶער תְּמִימוּת אַלְץ זִיסֶער אִיז דֶער לֶעבְּן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן. אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת - גֵייט אוֹיף אַ זִיכֶערֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי מְחַנְּכִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ו׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיין וֵוייטָאג.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז דוּ אוּן דַיין וַוייבּ שְׁפִּירְן זִיךְ גֶע׳קַנְסְ׳עֶט אַז דֶער מְנַהֵל שְׁלִיטְ״א הָאט גֶערוּפְן זָאגְן אַז דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר וְכוּ׳; פַּארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אַז מִיר טוּעֶן דָאס אוֹיף צוּ סְטְרַאשֶׁען דִי עֶלְטֶערְן?! מִיר וִוילְן נָאר מְחַנֵּךְ זַיין דַיין זוּן, מִיר וִוילְן נָאר עֶר זָאל פוּן הַיינְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְכוּ׳. וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶע׳קַנְסְ׳עֶט אוּן אַהֵיים גֶעשִׁיקְט, אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ פַּארְוָואס, לֵייג אִיךְ אַלֶע מַיינֶע פְּרִיוָואטֶע גֶעפִילְן אִין דֶער זַייט; אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶר חִינוּךְ, צוּ זַיין אַיינְשְׁטִימִיג מִיט זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים.

פַּארְוָואס נֶעמְסְטוּ עֶס וִוי אַ סְטְרַאשֶׁע? וָואס וֶועט גֶעשֶׁען אַז דַיין זוּן וֶועט רוּפְן אִיבֶּערְבֶּעטְן? וָואס וֶועט פַּאסִירְן אַז דַיין זוּן וֶועט זֶען אַז עֶר דַארְף אָנְהֵייבְּן פָּאלְגְן? וואוּ קוּמְט אַרַיין אִין בִּילְד אַנְדֶערֶע קִינְדֶער? לָאמִיר זָאגְן אַז אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיךְ שׁוּלְדִיג, וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר? פְּרֵיי זִיךְ אַז מֶען בּוֹיט אוֹיף "דַיין" קִינְד, מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

עֶס שְׁטֶערְט מִיר דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען הָאט גֶענוּמֶען דַיין קִינְד פַּאר אַ "כַּפָּרָה הִינְדְל"; דֶער מְנַהֵל אוּן דִי מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ קִינְד פַּאר אַ בֵּיישְׁפִּיל אָדֶער וִוי דוּ רוּפְסְט עֶס "כַּפָּרָה הִינְדְל", אוּן אַז מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען וְכוּ׳ - דַארְפְסְטוּ מִיט דַיין וַוייבּ מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי אַז דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר זָאל פוּן יֶעצְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

אַז עֶלְטֶערְן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען דֶער מְנַהֵל אָדֶער מְלַמֵּד שִׁיקְט אַהֵיים זֵייעֶר קִינְד, דֶער קִינְד שְׁפִּירְט וִוי עֶר הָאט אַ פְּלַאץ וואוּ זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן - דֶעמָאלְט אִיז אַ שָׁאד דָאס שִׁיקְן אִין חֵדֶר; דֶער קִינְד קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: ׳מַיין טַאטֶע מַאמֶע לַאכְן פוּנֶעם מְנַהֵל אוּן מְלַמֵּד׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה פָארִיגֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַהֵיים שִׁיקְן פִינְף מֵיידְלֶעךְ פוּן אוּנְזֶער סְקוּל "בֵּית פֵּיגָא" וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעפִירְט

מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מִיט גֶעאַרְבֶּעט מִיט'ן מוּסָר אוּן עֶס נִישְׁט גֶענוּמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי גֵייעֶן זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע סְקוּל וַוייל אִין בְּרֶסְלֶב קֶענֶען זֵיי מֶער נִישְׁט גֵיין, אִין בְּרֶסְלֶב בַּיים רֶבִּי'ן מוּז זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; זֵיי הָאבְּן גֶעוִויזְן אַ וֵוייטָאג אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶס טוּט בֶּאֱמֶת וֵויי פַאר דִי עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ, דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶענוּצְט תֵּירוּצִים וְכוּ', - דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין, דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין מַצְלִיחַ, מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אָן אוֹיף זֵיי, טָאג טֶעגְלִיךְ וֶוערְן זֵיי מֶער אוּן מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין סְקוּל אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אוֹיךְ צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן - מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דִי אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּאלֵיידִיגְט גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן מִיט אָן אַ שִׁיעוּר טַעֲנוֹת, פַארְוָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט? פַארְוָואס זָאגְט מֶען יָא? פַארְוָואס שִׁיקְט מֶען אַהֵיים? פַארְוָואס שִׁיקְט מֶען נָאר "מַיין" טָאכְטֶער אַהֵיים? דִי אוּן דִי מֵיידְל אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, פַארְוָואס אִיר שִׁיקְט מֶען נִישְׁט אַהֵיים? מַיין טָאכְטֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט שׁוּלְדִיג! מִיט נָאךְ טוֹיזְנְט קַשְׁיוֹת; דִי וֶועלְן זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וַוייל קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְחוּנָךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין סְקוּל - דִי פִירְן זִיךְ צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיךְ מִיט חוּצְפָּה. מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג מוּטְשֶׁען מִיט זֵייעֶר דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן זֵיי וֶועלְן אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין פוּן סְקוּל, אָבֶער צוּ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ חוּצְפָּה'נֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

דָאס וָואס דוּ בִּיסְט פַארְוֵוייטָאגְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, יֶעדֶעס מָאל דוּ רוּפְסְט דִי מוּסָר מִיט אַ טַעֲנָה זָאגְט מֶען דִיר 'קֶענְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער', דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע טַעֲנָה; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי עֶנְטְפֶערְן. אוֹיבּ דוּ זֶעסְט בַּיי דִיר אַז עֶס נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן קֶענְסְט זִיךְ וֶוענְדְן צוּ מִיר, קֶענְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן דִי מוּסָד אִין יֶעדֶע הִינְזִיכְט.

אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו; אִיךְ קוּם טַאקֶע נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן יֶעדֶע בְּרִיוו, אָבֶער אִיךְ לֵיין זֵיי אַלֶע, אוּן וָואס עֶס הָאט צוּטוּן מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז בַּיי מִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע. אִיךְ וֶועל פַארֶעכְטְן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ

גֶעטוּן גְלַייךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶערוּפְן דֶעם מְנַהֵל שְׁלִיטָ"א אוּן אִים דֶערְצֵיילְט פוּן דִי פַּרְשָׁה וְכוּ' אוּן מֶען הָאט אַהֵיים גֶעשִׁיקְט דַיין זוּן; דָאס קוּמְט פוּן מִיר, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיטְ'ן מְנַהֵל.

אִיךְ וֶועל פַארֶערְכְטְן דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בֶּעטְסְט שׁוֹין חֳדָשִׁים דֶעם מֶענִידְזְשֶׁער פוּן דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן אוּן עֶר שָׁאקֶלְט מִיטְ'ן קָאפּ, מֶען טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן צוּ אִים, עֶר אִיז בְּסַךְ הַכֹּל מֶענִידְזְשֶׁער אוֹיף דִי טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, פַארֶערְכְטְן, אוֹיל טְשֶׁענְדְזְשׁ, וֶוער עֶס זָאל דְרֵייוְון וְכוּ'. אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן דַארְף מֶען רֶעדְן מִיטְ'ן מְנַהֵל, אַ שָׁאד אִיר רֶעדְט צוּם נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ.

בְּנוֹגֵעַ דִי ווייטָאג אַז דַיין זוּן קֶען נִישְׁט דִי גְמָרָא; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט, דַיין זוּן קֶען גוּט דִי גְמָרָא. וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס רֶעד אִיךְ מִיט אִים אִין לֶערְנֶען אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶר קֶען זֵייעֶר גוּט, עֶר הָאט אַ שַׁארְפֶע קָאפּ אוּן פַארְשְׁטֵייט זֵייעֶר גוּט דָאס לֶערְנֶען; הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע קֶענֶען אַזוֹי קְלָאר ווִי עֶר קֶען דִי גְמָרָא.

דָאס וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיטְ'ן מְלַמֵּד, דוּ זָאגְסְט אִים אַז דַיין זוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, זָאגְט עֶר דִיר צוּרִיק מִיט בִּיטוּל: "דֶער עִיקָר עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דָאס אִיז דָאךְ טַאקֶע דֶער עִיקָר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) רַבָּה בַּר רַב הוּנָא זָאגְט: "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תּוֹרָה וְאֵין בּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם - "דּוֹמֶה לְגִזְבָּר שֶׁמָּסְרוּ לוֹ מַפְתְּחוֹת הַפְּנִימִיּוֹת וּמַפְתְּחוֹת הַחִיצוֹנוֹת לֹא מָסְרוּ לוֹ", אִיז עֶר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ גַּבַּאי וָואס הָאט דִי אִינֶעוֵוייניגְסְטֶע שְׁלִיסְלֶען אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט דִי שְׁלִיסְלֶען אַרַיין צוּ קוּמֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, "בְּהֵי עָיֵיל", קֶען עֶר נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "חֲבַל עַל דְּלֵית לֵיהּ דַּרְתָּא וְתַרְעָא לְדַרְתָּא עָבִיד", אַ שָׁאד פַאר דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גָארְטְן אוּן מַאכְט אַ טוֹיעֶר אַרַיין צוּ גֵיין, עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט וואוּ אַרַיין צוּ קוּמֶען... נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (יוֹמָא עב:) רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "בְּמָטוּתָא מִינַּיְיכוּ, לָא תֵּירְתוּן תַּרְתֵּי גֵיהִנָּם", אִיךְ בֶּעט עֶנְק אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן צְוֵויי מָאל דֶעם גֵיהִנוֹם, אֵיין מָאל אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוען אִיר פְּלָאגְט זִיךְ, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶס אִיז אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דֶעם.

יֶעצְט צוּם צְוֵוייטְן וֶוייטָאג, עֶס טוּט דִיר וֵויי פַארְוָואס דַיין טֵייעֶרער חָבֵר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר קֶען נִישְׁט קַיין שְׁטִיקְל גְמָרָא; עֶרְשְׁטְנְס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין אוּנְזֶער חֵדֶר, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין אַ "גֶעהֶערִיגֶע", "מְסוּדָר'דִיגֶע" אוּן "נָארְמַאלֶע" תַּלְמוּד תּוֹרָה; וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְזֶער חִינוּךְ צוּטוּן?! צְוֵוייטְנְס, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ גֵייסְט מִיר זָאגְן אַז עֶס טוּט דִיר זֵייעֶר וֵויי וֶוען דוּ קוּקְסְט אַרוּם זֶעסְטוּ וִוי אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי לֵייגְן נִישְׁט קַיין תְּפִילִין אוּן הִיטְן נִישְׁט קַיין שַׁבָּת - מִיטְ'ן קֶענֶען לֶערְנֶען גוּט אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זַיין פַארְוֵוייטָאגְט, אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר אַלֶע צִיטֶערְן, 'וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער?' 'וֶוער וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין?' אַנְשְׁטָאט דֶעם בִּיסְטוּ פַארְוֵוייטָאגְט אַז דַיין חָבֵר קֶען נִישְׁט קַיין שְׁטִיקְל גְמָרָא; דַיין חָבֵר אִיז אַ רַחְמָנוּת? עֶר אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת. עֶר אִיז אַ דֻּגְמָא פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, נִישְׁט נָאר עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין נָאמֶען אוּן וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּן חִיזוּק, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - הָאט זִיךְ אִין אִים אָנְגֶעצִינְדְן אַ פַייעֶר פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רֵיינְקֵייט, מִיט אַ תְּמִימוּת; עֶר לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִיבּוּר בְּדֵעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ שִׂמְחַת תּוֹרָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד), עֶר אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ גָּדוֹל בַּתּוֹרָה; זֵייעֶר אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן, אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וְכוּ' - הָאבְּן זֵיי בַּיים סוֹף פַארְשְׁטַאנֶען.

נֶעכְטְן נַאכְט הָאבְּן מִיר מְסַיֵים גֶעוֶוען מַסֶכֶת עֵירוּבִין; בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען בַּיים סִיוּם הָאסְטוּ אַוַדַאי גֶעזֶען דֶעם אוֹיבְן אָן, דֶער אוֹיבְן אָן אִיז גֶעוֶוען אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, תַּלְמִידִים פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ"; זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פָאר שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא, זֵיי לֶערְנֶען פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אֵיינֶער אִין בָּארָא פַּארְק, אֵיינֶער אִין קִרְיַת יוֹאֵל, בְּלוּמִינְגְרָאוו אוּן לִיבֶּערְטִי; אוּנְזֶער חֵדֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר הָאבְּן דַיָנִים - תַּלְמִידִים פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי וֶוייטָאג פוּן הַארְץ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אוֹיף דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אוֹיבּ עֶפֶּעס שְׁטֶערְט דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט

וואַרְטְן אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז דוּ שְׁרַייבְּסְט - נָאר גְלַייךְ שְׁרַייבְּן אָדֶער רוּפְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אִינְאֵיינֶעם קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן שְׁנַיידְן דִי שֵׁיינֶע פְּרוּכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְן אַ נַייעֶר מֶענְטְש

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין אַ בְּלָאטֶע, בְּלַייבּ נִישְׁט לִיגְן דָארְט; דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוען מֶען גֵייט אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע גֵייט מֶען אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, דֶער עִיקָר טָאר מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִּיס"; אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס, אַ פוּס אַרַיין אַ פוּס אַרוֹיס - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרָאפְּנֶעמֶען אַלֶע דִינִים פוּן דִיר זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין; אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים וָואס דַארְפְן קוּמֶען אוֹיפְ׳ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען זִינְדִיגְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ, טו): "בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט פַאר אִים מִיט אַ שְׁוֶוערְד הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי", וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד אַז וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוּן זָאגְט: "חָטָאתִי" - קֶען אִים קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ קֶען אִים נִישְׁט אָנְרִירְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט "חָטָאתִי", אַז דֶער מַלְאָךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

גֵיי אִין אַ זַייט, אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוּן זָאג פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, חָטָאתִי עָוִותִי וּפָשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד**", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ

אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים.

הֶייב אָן הַיינְט מַסֶכֶת פְּסָחִים, כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְ'ן בַּאן; אַ שָׁאד עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי טֶעג, דִי יָארְן אוּן דוּ שְׁטֵייסְט אִינְדְרוֹיסְן אָן קַיין גְמָרָא, אָן קַיין מִשְׁנָיוֹת אוּן אָן קַיין חוּמָשׁ. כַאפּ זִיךְ מִיט, הֶייב הַיינְט אָן מַסֶכֶת פְּסָחִים, זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא וֶועסְט זֶען אַז נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זַיין אָן אָדָם אַחֵר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף דִי יוּנְגְוַוארְג, רֶעדְט מֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז מֶען זִיצְט אִינָאֵיינֶעם עַסְקָנִים, מֶען אִיז דַן אוֹיבּ מֶען דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען קֶעגְן מִיר אוּן קֶעגְן דִי בְּרִיוו; אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן מִיר רוּפְן, זֵיי וֶועלְן מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים א, טז): "שָׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם" - וֶועל אִיךְ מִיט בְּרֶענְגֶען בְּרִיוו פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער, וואו זֵיי בֶּעטְן עֵצוֹת; בַּיי אֵיינֶעם הָאט זִיךְ דִי טָאכְטֶער פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט אַ גוֹי רַחֲמָנָא לִצְלָן, זִי שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, נָאר דוּרְךְ דִי בְּרִיוו אִיז זִי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב. בַּיי אַ צְוֵוייטְן שְׁרַייבְּט דִי טָאכְטֶער, זִי הָאט אַ פְּלַאן אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט זִי אָפְּלָאזְן דֶעם אִידִישְׁן וֶועג הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אוּן דוּרְךְ דִי בְּרִיוו אִיז נָאךְ דָא אַ שְׁטִיקְל הָאפֶענוּנְג.

גֵיי דֶערְצֵייל וָואס טוּט זִיךְ אָפּ שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי בְּנֵי הַנְּעוּרִים; קֵיינֶער וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן, קֵיינֶער וִויל נִישְׁט הֶערְן, מֶען מַאכְט זִיךְ תַּמְ'עֲוָואטֶע: "בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא דִי זַאכְן", "בַּיי אוּנְז אִיז אַלֶעס מְסוּדָר"; מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִי מֵפִיצִים: "דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו אִיז גוּט פַאר דִי שְׁוַואכֶע סָארְט, נִישְׁט פַאר אוּנְזֶער קְרֵייז"; גֵיי דֶערְצֵייל אַז אַלֶע בְּרִיוו, אַלֶע שְׁאֵלוֹת קוּמֶען פוּן דִי חָשׁוּבֶ'סְטֶע שְׁטוּבֶּער. קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן אִין דִי בְּרִיוו טְרֶעפְן זֵיי חִיזוּק צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק בַּיי דִי אֱמוּנָה.

מִיר וֶועלְן וַוייטֶער שְׁרַייבְּן, דְרוּקְן אוּן פַארְפְלֵייצְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קֵיינֶעם. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט הַדְרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר הָאבְּן אַבִּיסְל צוּגֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אַלֶע רְדִיפוֹת פוּן מְחַרְחֲרֵי רִיב וָואס עוֹשִׂים מַעֲשִׂים זִמְרִי אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער וִוי פִּנְחָס; וֶועלְן מִיר גֵיין אִין דִי וֶועגְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

...

## נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין קָאפְּלְס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין קָאפְּלְס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר דִיר; וָואס דַארְפְסְטוּ צָרוֹת? וָואס דַארְפְסְטוּ קָאפּ וֵויי? זִיץ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן שׁוֹין.

אַז יֶענֶער זוּכְט אַ וַואקַאצִיֶע זָאל עֶר גֵיין מִיט זַיין וַוייבּ וואוּ עֶר קֶען זַיין פְּרִיוַואט; לָאז דַיין שְׁטוּבּ זַיין רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן בַּיינַאכְט אוֹיפְ'ן גַאס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'.

מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ פִירְן אוֹיפְפַאלְנְד; אוֹיבּ מֵיידְלֶעךְ ווילְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אָדֶער פְּרוּוֶען - דַארְף דָאס זַיין אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן. אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא פַארְשְׁפְּרֵייטְן צְוִוישְׁן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אָבֶּער דָאס גֵייט צוּ אוֹיף זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג; נִישְׁט מִיט קַיין רַעַשׁ, נִישְׁט מִיט קַיין שְׁטוּרֶעם; דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז זַיין אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן גֵיין אִין גַאס, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מה, יד): "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ, פְּנִימָה", דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער אִיז צוּ זַיין אִין שְׁטוּב; אַוַדַאי דַארְף מֶען גֵיין אִין גַאס עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער סְתָם אַרוֹיס גֵיין שְׁפַּאצִירְן - בְּרֶענְגְט נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וָואס דַארְפְט אִיר מֶער פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי תּוֹרָה אַז שְׁכֶם הָאט פַארְכַאפְּט דִינָה - יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר גֶעפַּיינִיגְט וְכוּ'; אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען וַוייל זִי אִיז אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאסְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ", דִינָה אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן; דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה.

גֶעט אִיבֶּער פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי לֶערֶערִינְס אוּן צוּ דִי מְנַהֶלֶת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוֹיבּ מֶען אִיז נָאךְ נִישְׁט מִיד זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט פַאסְטְן אוּן תְּשׁוּבָה אִיז נִישְׁט סִיגוּפִים, תְּשׁוּבָה אִיז צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן הַיינְט זַיין צוּ דִיר גֶעטְרֵיי. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע".

אוֹיבּ מֶען ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן קֶען מֶען גֵיין צוּ אַ חַבְרְטֶ'ע, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר חַבֶרְ'טֶעס וָואס רֶעדְן שֵׁיינֶע זַאכְן; מֶען קֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵק זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער נִישְׁט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין גַאס. אַזוֹי אוֹיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן גֵיין אִין גַאס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעבאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט דא צו באקומען אפגעשיקט

**יעדע וואך צו אייער טיר אויף די פאסט**




הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן, געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה **הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז **$2.99** פער וואך

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691**

קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די געשמאקע בריוו, פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

goodpointmediainc@gmail.com